šajqevits
Heler. Eg 382
18025

# אַחָתָן אוֹיף אַוויילֶע

איינע וואהרע שיינע ערצעהלונג וועלכע קאן הייסן

## ראָמאַן

פאָן

## ש. מ. ר.

# ווילנא

שנת תרנ"ה לפ"ק

**ЖЕНИХЪ НА МИНУТКУ.**

Разсказъ Н. М. Шайкевича.

Съ Виленскаго изд. 1889 г.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА
Въ типогафіи Л. Л. Маца, иа Завальной улицѣ
д. Вендорфа, 1908 г.

# א׳

## רַבִּי זִיסְקִינְד קְלַאפְּמַאן.

רבי זיסקינד קלאפמאן הָאט גָאר נִיט גֶעוָואלְט וִויסֶען פוּן הַיינְטִיגֶע מָאדֶעס אוּנ פוּן דִיא נַייאמָאדִישֶׁע מֶעטְהָאדֶעס, עֶר הָאט גָאר נִיט גֶעוָואלְט הֶערִין דָאס וָואס זַיין גֶעבִּילְדֶעטֶע טָאכְטֶער הָאט אִים עֶרְקְלֶערְט אַז עֶלְטֶערִין בַּאדַארְפִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לָאזִין אַלֵיין טָאן שִׁידוּכִים, וַוייל אוֹיסְקְלַייבִּין אַחָתָן אָדֶער אַכַּלָה אִיז אַזְהֶענְגִיג אָן אַגֶעשְׁמַאק. אוּנ נִיט אַלֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אַיין גֶעשְׁמַאק נִיט יֶעדֶען קָאן אַיין מֶענְטְשׁ גִיפֶעלִין, עֶס קָאן זַיין אַז גְרַאדֶע דֶער חָתָן וָואס דֶער כַּלָהס עֶלְטֶערִין לֶעקֶען פוּן אִים דִיא פִינְגֶער, אִיז דֶער כַּלָה אַלֵיין גָאר נִיט גִיפֶעלִין, אוּנ אִיר עֶקֶעלְט (נוּזֶעט) צוּא קוּקֶען אוֹיף אִים, „וָואס מִיר גֶעשְׁמַאק אוּנ וֶוער מִיר גֶעשְׁמַאק" פְלֶעגְט עֶר מִיט כַּעַס עֶנְטְפֶערִין „אִיךְ וִויל גָאר פוּן אַייעֶרֶע וִויסְטֶע לְשׁוֹנוֹת אוּנ פוּן אַייעֶרֶע וִויסְטֶע פִינְסְטֶרֶע מָאדֶעס נִיט וִויסֶען, אִיךְ וֶועל טָאן וִויא מַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גֶטָאן, עֶר הָאט פַאר מִיר אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען מַיין וַוייבּ יענטען לֶעבִּין זָאל זִיא מִיר, אוּנ הַלְוַאי וַויי טֶער אִיךְ הָאבּ מִיט אִיר שׁוֹין אָבְּגֶעלֶעבְּט דְרַייסִיג יָאר אִין נַחַת אוּנ אִין פְרֵיידֶען. פַאר מַיינֶע זִין וֶועל אִיךְ אוֹיךְ אַלֵיין אוֹיסְקְלַייבִּין כַּלּוֹת אוּנ פַאר דִיר מַיין טָאכְטֶער וֶועל אִיךְ אוֹיסְקְלַייבִּין אַחָתָן וָואס גָאט אוּנ לַייט וֶועלִין זִיךְ מִיט אִים פְרֵייעֶן. אוּנ דוּא הֶער מִיר אוֹיף אִיךְ בֶּעט דִיךְ צוּא דוּלֶען דֶעם סְפָּאדָאק מִיט דַיין גֶעשְׁמַאק אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט פוּן מִיר נִיט חַאפִּין אַפַּאטְשׁ אִין בַּאק".

רבי זיסקינד קלאפמאן וַואר אַלֵיין פוּן אַלִיטְוִוישׁ קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל, וֶועלְכֶע הָאט גֶעדִינְט אוּנ דִינְט נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ אַלְס רֶעזִידֶענְצִיֶע פַאר אַצַדִיק אָדֶער אַחְסִידֶעשִׁין רָבִּי. זיסקינד אִיז בֶּעשְׁטֶענְדִיג גִיוֶועזֶען פוּן דֶעם צַדִיקְס פַייעֶרִיגְסְטֶע חֲסִידִים, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁירַיִם-חַאפֶּער אוּנ פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע הָאפְּקֶע-זִינְגֶער. אוּנ

אויך יעצט חאטש ער וואהנט שוין העכער צוועהן יאר אין אדעסע פון דעסטוועגין איז ער געבליבען געטרייא זיין רבין, אונ האט אים זיין פדיון אבגעשיקט מיט פראצענט. אדעסע מיט איהר בילדונג האט אויף אים קיין איינפלוס געהאט, אונ ער איז זיך געבליבען דער זעלבער וואס ער איז געוועזען אין זיין קליין געבורטס שטעדטיל שטינקאווקע.

דער פאר האט אבער זיין ווייב מיט זיינע קינדער אגרויסין פראגרעס געמאכט. זיין ווייב ציפקה וועלכע פלעגט אין איר שטעדטיל טראגין אהארבאנד אדער אטיכיל איבער דיא אויערין, זיא האט זיך אין דעם ערשטין יאר נאך איר קומען אין אדעסא שטארק מקנא געוועזען אין דיא אדעסער דאמען וועלכע געהען אזוא שיין פערפוצט מיט הויכע טורניורין אונ שיינע היטעלאך, זיא האט אנגעהייבין ביסליך וויים פון זיך אראפ ווארפין איהרע חסידעשע קליינשטעלדיגע קליידער צוזאמען מיט דעם הארבאנד אונ איז ביסליך וויים געווארין אפאלקאמענע אדעסער מאדאמע מיט אגאנץ הייכין טורנוס, אשלעפ. אונ איהרע האר וועלכע ווארין אזא צייט יארין ארעסטירט אונטער דעם הארבאנד מיט דעם טיכעל זיינען אין גאנצין בעפרייעט געווארין, אונ האבין דערזעהען דיא ליכטיגע וועלט.

דיא בעפרייאונג האט ציפקען געקאסט גענוג געזונד אונ מיה. זיא האט געמוזט אויסהאלטין שרעקליכע מלחמות געגען רבי זיסקינדין וועלכער האט מיט כעס געשריגען: מיין קאפף וועט אויף מיר ניט זיין אבער דיינע חציפעשע האר וועלין אויך ניט זיין, כל זמן איך וועל לעבין וועל איך ניט דערלאזין מיין ווייב זאל געהן אין איינענע האר אונ אין דיא הײנטיגע מאדנע קליידלאך.

ציפקה איז אבער ניט געוועזען פון דיא שרעקעדיגע ווייבער, זיא האט שוין ביי איהרע עלטערין גענוג געזעהען אזעלכע מלחמות, אונ אז איר מאטע האט איר מאמען גינעבין איין פאטש פלעגט זיא אים געבין צווייא אונ נאך מער. אז איר

פאטער פלעגט דער מוטער האפין ביא דעם ברוסטטוך פלעגט זיא גאר אן צערעמאניעס האפין פאר דער בשערער באַרד, דארום איז זיא פאר זיסקינדין גאר ניט ערשראקין געווארין און האט אזוא לאנג מיט אים מלחמה געהאלטין ביז זיא האט אויס געפיהרט, זיסקינד האט זיך געמוזט אונטערגעבין, אים האט זיך עפעס ניט געוואלט מאכין לייטישע גילעכטער. דאביא האט ער זיך דערמאהנט דאס תלמודישע ווערטעל „אל תפרוש עצמך מן הצבור” דוא זאלסט זיך ניט ארויס נעהמען פונם כלל, דאס הייסט זייא ניט קלינגער פון אלעמען און טוא ניט אנדערש אלס זייא טוען, נוא און אז אין אדעססע געהען כמעט אלע ווייבער אין דיא אייגענע האר מיט דיא הייבע איך בעט איבער אייער כבוד... מאג דאך ציפקה אויך אזוא געהן, בפרט אז ער האט גיזעהען אז דיא אייגענע האר און דער טיורנור האבין זיין אשת חיל פון פרומקייט ניט אראפ געפירט. זיא האט אבגעהיט אלע יודישע דינים וויא פריער, און האט געגאסין אלע טאג טרערין איבער אירע תחינות פונקט וויא אין איר געבורטס שטעטיל. קורץ גירעט ציפקה איז געווארין אנייאמאדנע מאדאם נאר פאר דער וועלט, אבער אין שטוב און צום מאן איז זיא גיוועהן די זעלבע פרומע כשרה ציפקה וואס פריער,

דיא קינדער וואס זיסקינד האט מיט זיך געבראכט נאך אדעססע (צווייא טעכטער מיט צווייא זין) האבין זיך שוין גאר אין איין אנדער וועג אשניט געטאן. זייא האבין שוין וויא ווייט זייא האבין געקאנט פערבייגט דאס יודישקייט, און האבין זיך אין אלע הינזיכטען געקאנט פערגלייכען מיט די אדעססער געבארענע פראנטען און פראנטיכעס... דיא עלטערע טאכטער שרה אמעדכען פון צוואנציג יאר איז טאג און נאכט גיזעסין איבער ראמאנען, און האט איבער זייא נאך מעהר געוויינט אלס איר מוטער איבער דיא תחינות. אין דיא לעדיגע שטונדען פלעגט זיא שטעהן געגען שפיגעל און זיך בעטראכטען, און וואס מער זיא האט זיך בעטראכט איז זיא אלץ מער געקומען צוא דער

איבערצייגונג אז זיא האט גאר קיין יודיש פנים ניט , אז עס איז זאנאר אונמעגליך צוא ערקענען אז זיא שטאמט פון יודען אונ דאס האט איר זייער געפרייט . מיא דערציילט פון איר אז עטליכע טעג איז זיא איינמאל ארומגעגאנגען שטארק אין כעס אונ פערזארגט דער פאר וואס געהענדיג אין גאס האט צוא איר עפעס אפרעמדער יוד געזאגט : מיידעלע זאג מיר איך בעט דיך וואו איז דא דיא שול , זיא איז שטארק צארניג געווארין אויף דעם יודעל דער פאר וואס ער האט דערקאנט אז זיא איז איודיש קינד אונ האט אים גיענטפערט אויף רוסיש : איך פערשטעה ניט דיין לשון . דאס יודעל איז אבער גיוועזן אגרויסער עזות פנים , אונ האט זיך פונאיינאנדער געלאכט „קוק זיא נור אן" האט ער לאכענד געזאגט „זיא וויל מיך איינשמועסין אז זיא איז אקריסטין שוטה ! אפילו אבלינדער קאן אויך זעהען אז דוא ביזט אפשוט יודיש מיידעל , אונ דוא באדארפסט זיך אסור מיט דעם נאמען „יודיש מיידעל" ניט שעמען , זעהסטו נארונייא מיר באדארפין זיך יא שעמען וואס צווישען אונז געפינען זיך אזעלכע פערדריפעטע מיידלאך וואס ווילען מיא זאל מיינען אז זייא זיינען קריסטינס .

שרה אדער סארא האט שוין מעהר מיט דעם עזותניק ניט געוואלט ריידין אונ איז אוועק געגאנגען , אבער דיא מעשה האט זיא אזוא אויפגעקאכט , זא דאס זיא איז ארומגעגאנגען עטליכע טעג וויא צודולט .

רבי זיסקינד האט שוין לאנג געוואלט טאן מיט איהר אשידוך , אונ האט איר געוואלט געבין אפאר טויזענד רוביל נדן (ער איז גיוועזן אבייכער קאמיסיאנער) אבער סארא האט פון זיינע שידוכים ניט געוואלט הערין , דען זיא האט שוין אליין פאר זיך אויסגעזוכט אחתן מיט וועלכען זיא פלעגט ראמאנסירען פאר דער לבנה . אים האט זיא איר ווארט גיגעבין אז זיא וועט בלייבין זיינע , אונ איר ווארט האט זיא ניט געוואלט ברעכין , ווייל זיא האט נוט געוואוסט דעם דין פון הלכות ליבע . „אז ווען אמעדכען רעדט זיך אויס צוא איהר געליבטען : איך בין

ריינע ! מאג זיך דיא גאנצע וועלט איבערקערין , אירע עלטערין מאגין דיא כפרה ווערין , אונ זיא אליין מאג אמיתה משונה איין נעמען אבער איר ווארט טאר זיא ניט ברעכין .

אונ זיא האט דווקא געפונען אזא געליבטען וועלכער מאג פיגורירען אלס העלד אין דעם גרעסטין ראמאן . ער האט געהייסין היראנים (גרונם) פלייט , אונ ער וואר אפריקאשציק אין איינע פון דיא גרעסטע אדעסער קראמען .

## ה.

## איין אדעסער פריקאשציק .

הוראנים פלייט וואר איין אדעסער יונגעל אונ פאלען זינע דעם ווארטעס. זיינע עלטערין ווארען ארעמע מענטשין . זיין פאטער איז גיוועזן אמעקלער פון דירות , אונ האט דאצו קיין גליק געהאט חאטש ער האט געוואוסט אלע חיטראסטין וואס אזא מעקלער באדארף וויסען אונ קענען . דוכט זיך וואס באדארף מען דא וויסען אונ קענען ? נאר דא ליגט פארט אגאנצער קונסט . מיא באדארף קענען דעם שכן איינשמועסין אז דיא ערגסטע דירה וואס איז פול מיט ווילגאט אונ מיט וואנצין איז אוואהרער גן עדן . אונ דאס זעלבע אויף דער פיינסטער שענסטע דירה אויסזעטצען פעהלער ביז דער שכן זאל פון איר אנטלויפין . מיא מוז וויסען וויא אזוא דעם ווירטה פון דיא דירות אונטער העטצען ער זאל זיינע אלטע שכנים ארויס ווארפין , צוליב דיא נייע וואס גיבין מעהר געלד אונ וואהנען ריינער אלס דיא ערשטע . קורץ גירעט מיא באדארף קענען מאכין פון שווארץ וויים אונ פון וויים שווארץ , אונ דאס האט היראנימס פאטער געקאנט נאך בעסער אלס מיא באדארף , אונ דאך האט ער זעהער וועניג פערדינט . שטענדיג האט אים אויף שבת געפעהלט אונ ער איז ארומגעלאפין לייען גמילות חסדים ער איז גיוועזן אזוא גערריקט זא דאס ער האט געמוזט זיין איינציג קינד גרונמקען צוא זיין

צעהנטען יאר אבגעגעבין פאר אמשרתיל אין אקראם.

נאך דיא פיעלע פעטש אונ קולאקעס וואס גרונמיקע האט געהאפט פון זיין ווירטה אונ פון דיא אללע פריקאשציקעס האט ער זיך אויפגעריעבען, אונ איז געווארין זעהער פעהיג אין אללעם וואס אפריקאשציק באדארף פעהיג זיין, וויא צום בייאשפיעל אריינשלעפען קונים אין קראם, פון דער ערגסטער סחורה מאכין גאלד אונ פערקויפען זיא פאר דעם גרעסטען פרייז, זיך קריעגען אונ פאטשען מיט דיא פריקאשציקעס פון דיא שכנישע קראמען וואס האנדלען אויך מיט דיא זעלבע סחורות, אונ זא ווייטער, אונ דאס האט ער אלץ געטאהן געגען זיין ווילען ווייל ער וואר פון דער נאטור העכסט ארדענטליך אונ עדעל.

זיין ווירטה וואר מיט איהם שטארק צופריעדען, אונ האט איהם יעדעס יאהר זיין געהאלט גיהעכערט, ביז ער האט שוין ערדייכט אזא שטופפע וואס ער האט גענומען 75 רובעל מאנאטליך, ער וואר שוין דאמאלס 25 יאהר אלט—הייך געזונד אונ שיין, אונ האט זעהער שיין געקאנט ריידין מיט הערען, בעזאנדערס מיט דאמען, געקלייט איז ער אימער געגאנגען עלעגאנט, זא דאס מיא האט געקאנט מיינען אז ער איז אליין אגרויסער קויפמאן.

ער האט זיך מיט סארא קלאפמאן ערקאנט אויף אחתונה, אויף וועלכע זייא ביידע ווארען געלאדען, ער האט מיט איהר געטאנצט, אונ פון דאמאלס אן האט זיך פערוויקעלט צווישען זייא אזא פריינדשאפט וואס האט געבראכט צו ליעבע.

דיא אדעססער מענער, אבוואהל זייא פעראכטען זעהער דיא ליטוואקעס, אונ בייא יעדער געלעגענהייט לאכען זייא אונ מאכען חוזק פון זייא, אבער דאס גלויבען זייא אללע אז דיא ליטוועשע פרויען שטעהען אסך העכער אין ארדענטליכקייט אונ געטרייאשאפט צו אמאן אלס דיא וואהרע אדעסער פרויען, סארא איז גיוועזן ניט קיין מיאוס מיידעל, אונ איז אין מאנכע בעציהונגען אויך אנציהענד גיוועזן, דארום איז זיא הירואנימען שטארק

גיפעלען, אלס ער האט נאך ערהערט אז איהר פאטער גיט איהר אפאר טויזענד רובעל נדן.

ער איהר? פון דעם איז גאר קיין רעדע, זיא האט פאר זיך דערזעהען אזא פראנט וואס געהט נאך איבער אללע העלדען פון דיא ראמאנען וואס זיא האט געלעזען, שיין, קלוג, אונ איז דאביי א טענצער, אונ א קאמפלימענטענמאכער זאנדער גלייכען, נוא באדארף זיא בעסער?

פון יענער חתונה אן האבען זייא זיך אפט גיזעהען: אנפאנגס פלעגט ער אריינקומען צו איהר מיט דעם געדאנק פשוט זיך שדכענען צו איהר וויא דיא מאדע איז, אלס ער האט אבער באמערקט אז איהר פאטער רבי זיסקינד איז שטארק אונ צופרידען מיט זיינע וויזיטען, אונ ווען ער וועט איהם נאר אויסריידען פונם מונד אז ער וויל מיט זיין טאכטער חתונה האבין וועט ער איהם פון אללע טרעפ ארונטערווארפין, האט ער אויפגיהערט אהין צו געהען, אונ האט בעשטעלט מיט סאראן, זייא זאלין זיך זעהען אין פערשידענע ערטער, אמאהל אין אלכסנדראווסקי פראספעקט אמאהל אויף דעם בולוואר, מאנכעס מאהל טאקע אין נאס וואו זיא האט געוואהנט.

זייא האבין זיך כמעט אללע אבענד גיזעהען, אונ זייא האבין זיך איינער דעם צווייטען דאס ווארט אונ דיא האנד געגעבען זייא זאלין זיין מאן אונ ווייב.

ביי זייא איז געבליבען אז סארא זאל בסליך ווייס דעם פאטער בריינגען דאצו ער זאל צו דעם שידוך מסכים זיין, דען הירונימן האט זיך זעהער געוואלט בעקומען דיא פאר טויזענד רובעל נדן וואס איהר פאטער האט פאר איהר בעשטימט.

סארא האט בענוצט אללע איהרע קענטניססע, אונ דיא גאנצע פהילאזאפהיע וואס זיא האט געשעפט פון דיא ראמאנען, דעם פאטער איבערצוצייגען אז עלטערין מוזען ערלויבען זייערע קינדער אליין מאכען שידוכים, אבער וויא מיר ווייסין שוין, רבי זיסקינד איז נאר אין פעם געווארין אלס ער האט אונעלבע ווערטער

עֶרְהֶערְט אוּנ הָאט אָנְגֶעזָאגְט דֶער טָאכְטֶער מִיט דֶעם הַארְבִּי
וָוארְט אַז זִיא זָאל מֶעהר אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייט אִיהם נִיט רֵיידֶען,
דֶען זִיא וֶועט לַייזֶין אִין בַּאק.

סארא הָאט גוּט גֶעקָאנְט אִיהר פָּאטֶער, זִיא הָאט גֶעווּסְט
אַז דֶער אַלְטְמָאדִישֶׁער יוּד וַוייס נִיט פוּן דֶער נֵייֶער מָאדֶע אַז
אֲפִילוּ אַטַאטֶע מוּז רֶעסְפֶּעקְט הָאבִּין פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אוּנ עֶר
קָאן זֶעהֶער לַייכְט אַרַיינְפָּאהרֶען אִין בַּאק אָדֶער אִין דִיא צֵיין, אוּנ
נָאכְדֶעם גֶעה שְׁרַייא חַי וְקַיָם, דַארוּם הָאט זִיא שׁוֹין מֶעהר וֶועגֶען
דֶעם גֶעגֶענְשְׁטַאנְד נִיט גִירֶעדְט, אִיהר אִיז אָבֶּער גִיוֶוען זֶעהֶער
בִּיטֶער דָאס צוּ עֶרְצֶעהלֶען אִיהר גֶעלִיעבְּטֶען היראנים׳ן, עֶרְשְׁטִינְס
פַּאסְט דָאךְ טַאקֶע נִיט עֶרְצֶעהלֶען אַזַא זַאךְ אַז אִיהר פָּאטֶער וִויל
זִיא פַּאטְשֶׁען, צְוֵוייטֶענְס הָאט זִיא פֶּערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא אִיז אִיהם
(היראנים׳ן) לִיעבּ מִיט דִיא פָּאר טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל נַדְן צוּזַאמֶען, אוּנ
קַיים וֶועט עֶר עֶרְהֶערִין אַז אִיהר פָּאטֶער וֶועט אִיהר קֵיין גֶעלְד
גֶעבִּין אוֹיבּ זִיא וֶועט מִיט אִיהם הֵייראַטֶען, קָאן עֶר נָאךְ גָאר
אָפְּטְרֶעסֶען דִיא פָּאלְלֶעס, אוּנ זָאגִין דֶעם שֵׁיינֶעם: אַדְיֶע!
דַארוּם הָאט זִיא פלייטן אַלְס גֶענַארְט אוּנ הָאט אִיהם עֶרְצֶעהלְט
אַז זִיא הַאלְט שׁוֹין מִיט דֶעם פָּאטֶער אוֹיף אַדֶרֶךְ, אוּנ הַיינְט
מָארְגֶען וֶועט עֶר זַייא זַיין בְּרָכָה גֶעבִּין.

דֶער הַיינְט מָארְגֶען הָאט זִיךְ אָבֶּער אָבְּגֶעצֵייגֶען אַקֵיילִיכְדִיג
יָאהר, היראנים אִיז שׁוֹין אַרוֹיס פוּן גֶעדוּלְד, עֶר הָאט פֶּערְשְׁטַאנֶען
אַז סארא נַארְט אִיהם, אוּנ אִיהר פָּאטֶער וֶועט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט
מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם שִׁידוּךְ, אוּנ אִיהם אִיז דָא זֶעהֶער בִּיטֶער
גֶעוָוארֶען, הַתּוּנָה הָאבִּין מִיט אִיהר, אָהן גֶעלְד וַואר אִיהם אוּנ-
מֶעגְלִיךְ, דֶען פוּן דֶעם גֶעהַאלְטֶען וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען הָאט עֶר
גֶעמוּזְט אוֹיסְהַאלְטֶען זַיינֶע אַלְטֶע אָרֶעמֶע עֶלְטֶערִין, וֶועלְכֶע זַיינֶען
גֶעבְּלִיעבֶּען אָהן אַשׁוּם שְׁטִיטְצֶע, עֶנְטְזַאגֶען זִיךְ פוּן דֶעם שִׁידוּךְ
אִיז אִיהם נָאךְ שְׁוֶוערֶער גִיוֶוען, וַוייל עֶר הָאט כארַאן טַאקֶע
קְשׁוּט גֶעלִיעבְּט.

נָאר דֶערְוַוייל אִיז זַייֶער הַייסֶער לִיעבֶּע וִויא קֶעלְטֶער

(אחא"א)

געווארין

געוואָרין, זייא האבין זיך שוין אויפגיהערט אללע נאכט צוזעהען,
און ווען זייא האבין זיך יא גיזעהען האט זיך זייער געשפרעך
וויא ניט געקלעבט איינס צום אנדערין.

סארא האט גיזעהען אז איהר טהייערער היראנים איז ניט
דער זעלבער וואס גיוועזען און זיא איז פאסט פערצווייפעלט
געוואָרין אויס עגמת נפש.

און וויא צום שלימזל האט גראדע דאמאלס היראנים׳ס
ווירטה באנקראטירט, זיין געשעפט האט זיך צוגעמאכט, און
היראנים איז געבליבען אהן אשטעלע.

חתונה האבען מיט אנארם מיידעל אין דער צייט ווען מיא
פערדינט קיין געלד, דאס איז געוויס קיין פלאן, און היראנים
וואר געצוואונגען צו זאגען זיין סאראן אפפען אז אויב איהר
פאטער וועט איהר קיין נדן געבען קאן זיא מיט איהם ניט הייראטען,
דען אבוואהל ער האט זיא ליעב מיט לייב און זעעלע נאר
הייראטען מיט איהר אום נאך דער חתונה זאלין זייא ביידע צרות
האבין דאצו וועט ער זיך קיין מאהל בעשליסען.

איך פאהר אוועק זוכען אשטעלע — האט ער ענדליך צו
איהר געזאגט — איך וועל זיין אין קיעוו, מיין אדרעססע וועסטו
ביא מיין פאטער ערפאהרען, אויב דא וועט זיך מאכין נייעס,
דיין פאטער וועט קליגער ווערין און וועט וועלין צאהלין דעם נדן,
זאלסט דוא מיר טעלעגראפירען, אדער אבריעף שרייבען וועל
איך באלד צוריק קומען, איך וועל דיא גרעסטע גישעפטע אוועק-
ווארפען און קומען, ווייל איך ליעב דיך, און מיין ווארט וויל
איך ניט ברעכין.

סארא האט אויף דיא ווערטער ניט געקאנט ענטפערין,
איהרע אויגען זיינען פאלל געווארען מיט טרערין, און אהנע
אווארט צו ריידען איז זיא פון איהם אוועקגעלאפפין.

איהם האט אפילו זעהער וועה געטאן דאס הערץ בעמערקענד
איהר פערצווייפעלטע לאגע, ער האט אבער גאר נישט געקאנט

דַאצו הֶעלְפִין , עֶר הָאט גִיט גֶעוָואלְט זִיךְ וָועלְבְּכְט אונ זִיא אִין אַרְמוּטָה שְׁלַייְדֶערִין .
אונ נָאךְ אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָאהרִין נָאךְ קִיעוו :

## ג.

## צָרוֹת אוים לִיעבֶּע.

רבי זיססקינד הָאט גָאר גִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דִיא טָאכְטֶער מֵיינְט מִיט אִיהר פְּהִילָאזָאפְּהִיע מִיט וֶועלְכֶער זִיא הָאט אִיהם גֶעוָואלְט אוֹיפְקְלֶערִין אַז אַכַּלָה בַּאדַארְף זִיךְ אַלֵיין אויסְקְלַייבֶּען אַחָתָן , עֶר הָאט גָאר נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז זִיא צִיעלְט זִיךְ מִיט דִיא וֶוערְטֶער צוּ עֶטְוָואס , אונ אַז זִיא הָאט שׁוֹין מִיט אֵיינֶעם אָבְּגֶעמַאכְט זִיא זָאל מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבִּין , דֶען אָפְּפֶען אִיהם מוֹדֶה צוּ זַיין אַז זִיא הָאט לִיעבּ דֶעם פְּרִיקאשְׁצִיק היראנים׳ן הָאט זִיא מוֹרָא גֶעהַאט וַוייל זִיא הָאט גוּט גֶעוואוּסְט מִיט וָואס פַאר אוֹיגֶען אִיהר פָּאטֶער קוּקְט אוֹיף דִיא אדעססער פראנְטֶען אִין אַלְלְגֶעמֵיין , אונ אוֹיף דִיא אדעססער פְּרִיקאשְׁצִיקֶעם אִינְם בֶּעזָאנְדֶערְס , עֶר פְלֶעגְט דִיא עֶלֶעגַאנְט-גֶעקְלֵיידֶעטֶע פְּרִיקאשְׁצִיקֶעם מִיט קֵיין אַנְדֶער נָאמֶען נִיט רוּפֶען וִויא נוּר „קַאפְּצָאנִים אִין קַאפֶּעלוּשָׁן" זִיא הָאט אוֹיךְ גֶעוואוּסְט אַז אִיהר פָּאטֶער שְׁטָאלְצִירְט זֶעהָער מִיט זַיין יִחוּס דֶען עֶר אִיז גִיוָועזֶען דֶעם צַדִיקִ׳ים אַשְׁטִיקֶעל קָרוֹב , אונ טָאהן אַשִׁידוּךְ מִיט אַפְּרִיקאשְׁצִיק הַייסְט בַּייא אִיהם זַיין הֵיילִיגֶען יִחוּס פֶערְאוּנְרֵיינִיגֶען , אָדֶער זַיין גָאלְדֶענֶע מִשְׁפָּחָה פֶערְפְלֶעקֶען , זִיא הָאט אִין פִיעל רָאמַאנֶען גֶעלֶעזֶען גֶעשִׁיכְטֶען וִויא דוּמֶע עֶלְטֶערִין וָועלְכֶע הָאבִּין זַייעֶרֶע טֶעכְטֶער בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעוָואלְט צוּלָאזִין צוּ זַייעֶרֶע גְלִיקֶען , הָאבִּין זִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעלָאזְט לֶערְנֶען , אונ זַיינֶען צוּם שֵׂכֶל גֶעקוּמֶען צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז זַייא בֶּעגֶעהֶען זִיךְ טִירַאנִישׁ מִיט זַייעֶרֶע לִיעבֶּע טְהַייעֶרֶע קִינְדֶער , הָאט זִיא גֶעהָאפְט אַז אִיהר פָּאטֶער וֶועט זִיךְ אוֹיךְ לָאזֶען לֶערְנֶען פוּן

(אחא"א) איהר

אִיהר אַזוֹי לַאנְג בִּיז עֶר וֶועט אִיהר לָאזִין טָאהן וָואס זִיא וֶועט וֶועלִין ׃

מִיא הָאט אִיר זֶעהֶער־פִיל שִׁידוּכִים אִיבֶּערְגִירֶעט, אוּנ זִיא הָאט דוּרְךְ אִיר מוּטֶער גֶעמַאכְט זַייא זָאלִין נִיט וֶוערִין, אִין יֶעדֶען הָאט זִיא גֶעפוּנֶען אַלֶין אַנְדֶערֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּנ וַוייל זִיא הָאט גֶעוואוּסְט אַז אִיהרֶע רֵייד וֶועט דֶער פָּאטֶער נִיט וֶועלִין הֶערִין הָאט זִיא גֶעשֶׂאסֶען דוּרְךְ דֶער מוּטֶער ׃

יֶעצְט אָבֶּער אַלְס דֶער הֵייסְגֶעלִיבְּטֶער הִירַאנִים הָאט זִיךְ פוּן אִיר עֶנְטְזַאגְט אוּנ אִיז גָאר אַוֶועק גֶעפָאהרֶען, אִיז זִיא אַזוֹא צֶערְשָׁמֶעטֶערְט גִיוָוארִין אַז זִיא הָאט זִיךְ אִין קֵיין זַאךְ גֶעמִישְׁט, אִיר הָאט זֶעהֶער גֶעקְרֵיינְקְט וָואס פוּן אִיר לִיבֶּע אִיז גֶעוָוארִין אַתָל, אוּנ זִיא וַואר דַאבַּייא הֶעכְסְט צָארְנִיג אוֹיף הִירַאנִימִין וָואס עֶר הָאט נִיט מְקַיֵים גִיוֶועזֶען דֶעם דִין פוּן דֶער לִיבֶּע לְכָל פְּרָטֶיהָ וְדִקְדוּקֶיהָ (אִין אַלֶע פַאכֶען) ׃ זִיא הָאט דָאס נָאךְ דֶערְוַוייל אִין קֵיין רָאמַאן גֶעפוּנֶען אַז אַוַואהרֶער הֵיים לִיבֶּענְדֶער הֶעלְד זָאל צוּלִיבּ גֶעלְד זִיךְ עֶנְטְזַאגֶען פוּן זַיין עֶנְגֶעל פוּן זַיין גֶעטְטִין ׃ דֶער שֵׂכֶל בַּאוַוייזְט (נָאךְ דֶער שִׁיטָה פוּן דִיא חַכְמֵי הָרַאמַאנֶען) אַז דִיא פֶערְלִיבְּטֶע בַּאדַארְפִין גָאר אוֹיף שְׁפֶּעטֶער נִיט קוּקֶען זַייא בַּאדַארְפִין בֵּיידֶע זַיין מוּכָן וּמְזוּמָן אִין דִיא הַייזֶער מִיט טָארְבֶּעס גֶעהן עֶרְד גְרָאבִּין וַואסֶער טְרָאגִין, אַבִּי זַייעֶרְס אוֹיסְפִיהרֶען אוּנ חֲתוּנָה הָאבִּין ׃ נוּא אוּנ אַז הִייראנִים הָאט אַזוֹא נִיט גֶעטָאן אִיז עֶר דָאךְ גָאר קֵיין לִיבֶּענְדֶער נִיט אוּנ זִיא הָאט גֶעהַאט אִין אִים אַגְרוֹיסִין טָעוּת ׃

אִין יֶענֶעם טָאג וֶוען הִירַאנִים הָאט אִיר אָפֶען גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז זִיךְ פוּן אִיר עֶנְטְזַאגֶען דֶער פַאר וָואס אִיר פָאטֶער גִיט קֵיין גֶעלְד נִיט, אִיז זִיא גִיוֶועזֶען אַזוֹא פֶערְצְוַוייפֶעלְט זָא דָאס זִיא הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט דֶעם טוֹיט מַאכִין, אִיר הָאבִּין גֶעקְלוּנְגֶען אִין דִיא אָהרֶען פִיעלֶע סְצֶענֶען פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע רָאמַאנֶען וואוּ עֶס וֶוערְט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט „אַז זִיא הָאט זִיךְ גֶעשָׁאסֶען אָדֶער עֶרְטְרוּנְקֶען אַלְס פוּן אִיר לִיבֶּע אִיז אַפּוּסְטֶער חָלוֹם גֶעוָוארִין״

סאדרא הָאט אויך שְׁטַארְק חֵשֶׁק גֶעהַאט בַּאוַוייזֶען דָער וֶועלְט אַז זִיא וַואר אַיין אוּנְשׁוּלְדִיגֶער לִיבֶּעס קָרְבָּן, אַז זִיא הָאט אוֹיס לִיבֶּע צוּא אִיר לֶעבִּין אַיין עֶנְדֶע גֶעמַאכְט. נוּר צוּם אוּנְגְלִיק הָאט זִיא דָאס נִיט גֶעקָאנְט בַּאוַוייזֶען דֶען שִׁיסֶען הָאט זִיא עֶרְשְׁטֶענְס נִיט גֶעקָאנְט אוּנ צְוַוייטֶענְס הָאט זִיא גָאר קַיין בִּיקְס אָדֶער אַרֶעוָואלְוֶוער נִיט גֶעהַאט, אוּנ אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען אִין טַייךְ הָאט זִיא פָּשׁוּט מוֹרָא גֶעהַאט, אוּנ דַארוּם אִיז זִיא גֶעבַּאךְ גֶעבְּלִיבֶּען לֶעבִּין.

זִיא הָאט גֶעוָואלְט רַאכֶע נֶעמֶען פוּן דֶעם פַאלְשִׁין היראנימען זִיא הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעוָואלְט בַּאוַוייזֶען אַז עֶר אִיז וִויא מִיא זָאגְט „נִיט אַיין זָכָר אִין מאסקווא“ אַז אַחוּץ אִים זַיינֶען דָא נָאךְ חֲתַנִים אִין דֶער וֶועלְט, חֲתַנִים אַיידֶעלֶערֶע אוּנ סָאוֶועסְטְנֶערֶע אַלְס עֶר, אוּנ בַּייא אִיר אִיז עֶנְדְלִיךְ גֶעבְּלִיבֶּען זִיא זָאל טָאן נִיט וִויא זִיא הָאט דֶעם פָּאטֶער גִילֶערִינְט, נַיין גְרַאדֶע פַארְקֶערְט וִויא עֶר הָאט אִיר גִילֶערִינְט: אַז אַמֵיידֶעלֶע דַארְף זִיךְ נָאר אִין שִׁידוּכִים נִיט מִישֶׁען אוּנ דַארְף אִין דֶעם נוּר טָאן וִויא דֶער טַאטֶע הַייסְט.

יַא אִיךְ וֶועל יֶעצְט דֶעם טַאטֶען פָּאלְגִין — הָאט זִיא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען — זָאל עֶר מִיט מִיר טָאן אַשִׁידוּךְ וֶועלְכֶען עֶר וֶועט וָועלִין אִיךְ וֶועל אִים אַוָוארְט נִיט רֵיידִין.

אִיר רֶעכְנוּנְג אִיז דַאבַּייא גִיוֶועז אוֹיבִּין אוֹיף וֶועט דָער פָּאטֶער מִיט אִיר טָאן אַגוּטִין שִׁידוּךְ מִיט אַלַייטֶעשִׁין חָתָן וֶועט דָאךְ היראנימען דִיא גַאל צֶערְפְּלַאטְצֶען קוּקֶענְדִיג אַז זִיא הָאט גֶעקְרִיגִין נָאךְ אַבֶּעסֶערִין חָתָן אַלְס עֶר אִיז. אוּנ אוֹיבּ זִיא וֶועט אַרַיינְפַאלֶען עֶפֶּעס צוּא אַשְׁלִימַזְל, וֶועט היראנים פוּן גֶעוִויסֶענְס־בִּיסֶע נִיט דֶערְהַאלְטֶען, דָאס גַאנְצֶע לֶעבִּין וֶועט עֶר זִיךְ פָארְוִוירְפֶע מַאכִין וָואס צוּלִיבּ אִים אִיז זִיא אִין אַזַא גְרוּבּ אַרַיינְגֶעפַאלֶען.

זִיא הָאט אוֹיךְ דֶער מוּטֶער אָנְגֶעזָאגְט אַז פוּן הַיינְט אָן אוּנ וַוייטֶער זָאל זִיא שׁוֹין דֶעם פָּאטֶער קַיין דֵיעָה זָאגִין אוּנ דִיא שִׁידוּכִים וָואס מִיא רֶעט אִיר, זָאל עֶר טָאן אַזַא שִׁידוּךְ וִויא אִים גִיפֶעלְט.

אונ גראַרע האט אשדכן דאמאלס פארגעטראגען פאר רבי זיסקינדין אשידוך פונ דעם שטעטיל ציבולניק וועלכע איז טאקי ניט ווייט פונ שטינקאווקע, דעם מחותן האט זיסקינד געקאנט זעהער גוט ווייל ער פלעגט אויף אלע יום טוב קומן אין שטינקאווקע צום רבין. דאס איז גיווען אהייסער פייעריגער חסיד פונ אגרייסער משפחה אונ ער וואר דאבייא אהיבשער נגיד אויך, ער האט געהאט סך הכל צווייא יונגליך, אבחוריל פונ זעבצעהן יאר אונ איינגעל פונ צעהן יאר, אונ ווייל ער האט געוואלט (וויא דיא מאדע איז בייא חסידים) וואס גיכער אנחת דערלעבין אין זיינע קינדער האט ער געהייסין דיא שדכנים זייא זאלין זיין עלטערין בחוריל נחקען ריידין אשידוך, אונ באלד האט איין שדכן געפונגען פאר נחקען זיין זיווג רבי זיסקינדס טאכטער שרהלע.

זיסקינדין איז דער שידוך שטארק גיפעלין, דען וואס האט ער באדארפט בעסער, אמחותן איין ערליכער יוד, אבעל משפחה אונ אנגיד, אונ מסתמא איז דאך זיין זאהן אויך אזא כשרער יונגער מאן וויא זיין טאטע. דער איינציגער פעהלער איז דא וואס דער חתן איז אלט סך הכל זעכצעהן יאר „עט בע!" האט ער אווארטשע געטאן „דאס איז פונ די קליינינקייטען אונזערע טאטעס האבין אונז אויך חתונה גימאכט צו פופצעהן זעכצעהן יאר.

ער האט מעהר ניט מורא געהאט אז זיין ציפקה זאל דא ווייטער זיך אריינמישען אונ זאגין אז איר גיפעלט ניט. וויא ערפרייט איז ער אבער געווארין אלס ציפקה האט אים גיענטפערט ווען ער האט איר פונ דעם שידוך ערצעהלט: אויב דיר גיפעלט דער שידוך טוא אים אונ גאט זאל געבין עס זאל זיין מיט מזל.

זיסקינד האט אין דער הייך אשפרונג געטאן פונ גרויס שמחה, ער האט באלד גיענטפערט דעם שדכן אז דער שידוך גיפעלט אים, אונ האט אים בעפאהלען ער זאל זיך מיט אלע כלים אריינטאן אין דעם עסק אום דער שידוך זאל וואס גיכער אויס געפירט ווערין ווייל שמעדקע קישקע איז ווערט ער זאל זיין זיינער אמחותן.

דער שדכן האט מער ניט באדארפט וויא אזא תשובה הערין, עס האבין אנגעהייבין באלד פליהען בריף אהין אונ אהער, אונ טאקי אין אקורצער צייט איז דער מחותן אליין אראפ געפאהרען נאך אדעססע זעהן דיא כלה, אונ שרייבין תנאים.

אז דיא ביידע אלטע גוטע ברידער האבין זיך דערזעהן האבין זייא גאר פערגעסען וועגין וואס זייא זיינען דא אויפ-געקומען, איינער האט פאר דעם צווייטען דערציילט וואס מיט אים האט זיך אין דער לאנגער צייט איבער געטאן. בעזאנדערס האט דער ציבולניקער מחותן געהאט גענוג צוא דערציילין פון פילע נסים וואס דער רבי האט אין דיא עטליכע יאר באוויזען, רבי זיסקינד האט אנגעשטעלט מויל אונ אויערין אונ פריידען טרערין האבין זיך פון זיינע אויגין געגאסין הערענדיג זיין צדיקס מופתים פון רבי שמערקע קישקעס מויל;

נוא מיא באדארף נאך קלערין צוא דער שידוך איז געשלאסען געווארין? דער מחותן האט אפילו דער כלה רעכט ניט גיזעהען אונ האט גיענטפערט אמן. עס איז גיוועזן אקבלת קנין אונ באלד נאך דעם האט מען געשריבען תנאים, דיא חתונה האט מען אבגעלייגט סך הכל אויף איין מאנהייט.

סארא איז געווארין צום שלימזל אכלה.

איך זאג צום שלימזל, ווייל זיא האט זיך פאר דער אונגליקליכסטער געפיהלט: ביז דיא תנאים איז זיא נאך אלץ ארומגעגאנגען מיט דעם געדאנק אז זיא וועט דאמיט וואס זיא וועט אשידוך טאן ראכע נעמען פון דעם אונגעטרייען היראנימען, אבער באלד נאך דיא תנאים האט זיא זיך בארעכנט אז זיא איז אין אזא בלאטע פערקראכין אין וועלכער זיא וועט אויף עוויג פערזונקען ווערין, דען וואס פאר אלעבין קאן זיא פער-ברייננען פאר אציבולניקער זעכצעהן יאהריגען בחור'ל וועלכער ווייס נאך געוויס ניט וויפיל איז איינס מיט צוויא. ערשט יעצט האט זיא געפילט וואס פאר אטייערער חתן היראנים איז. זיא

האט זיך ארומגיזעהן אז זיא האט געטאן אגרויסין פעלער דאמיט וואס זיא איז פריער געגען דעם פאטער ניט ארויס מיט אשטרענגען טאן, אונ זיא האט אים ניט ערקלערט אז זיא מוז נאר מיט היראנימען חתונה האבין, ער וואלט געוויס געשפרונגען אין דער לופטין הערענדיג פון איר אזעלכע חציפעשע ווערטער, ענדליך אבער אז ער וואלט גיזעהן אז ער וועט מיט איר גאר נישט אויס-פיהרען וואלט ער געגען זיין ווילען געמוזט צוא דעם שידוך מסכים זיין, יעצט אבער איז שוין אלעס פארפאלין, זאגין אים יעצט אזעלכע ווערטער וועט מען זיא נור פאר אמשוגענע בעטראכטען אונ ווען זיא זאל פאר איר פאטערס אויגין שטארבין וועט ער דעם שידוך וואס ער האט געטאן ניט אבלאזין. אין אזא פער-צווייפעלטע לאגע איז זיא ארום געגאנגען ביז דרייא טעג פאר דער חתונה. ענדליך אבער האט זיא זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטין אונ האט צוא היראנימען דעם בריף אנגעשריבען:

היראנים! איך גיב דיר אב מזל טוב פון מיינע תנאים. מיין פאטער האט מיט מיר אשידוך געטאן אויס דעם שטעטיל ציבולניק דער מחותן איז אהייסער חסיד, אונ דער חתן איז איונגעל איין אבן טוב, גאט אין ציצית. ער איז סך הכל אלט זעכצען יאר.

דוא פערשטעהסט שוין חאטש אין וואס פאר איין אונגליק איך בין אריינגעפאלען. אונ דאס האב איך דיר צוא דאנקען, דוא האסט מיך אין דער גרוב אריינגעווארפין, איך האב מיך געמוזט בעשליסען צוא טאן דעם שידוך נאכדעם אז איך האב גיזעהן וויא טיראניש דוא האסט מיך בעהאנדעלט, אונ דוא האסט מיך פלוצלונג אוועק געווארפין געלאזט שטעהן אין אבלאטע. גאט זאל דיר דאס ניט רעכענען פאר אזינד, דען דוא האסט דער פאר דיא גרעסטע שטראפע פערדינט.

אונ נאך דיא אלע זאכין בין איך דיר אגוטער פריינד, איך ווינטש דיר דוא זאלסט חאטש גליקליך זיין. גאט זאל דיך איינהיטען פון אזא גרוב וויא איך בין יעצט אריינגעפאלען.

איך פערבלייב אויף עוויג דיינע אונגליקליכע פריינדין—סארא, וועלכע וועט באלד הייסין מאדאם קישקע.

## ד.

### גְלִיק אוּן אוּנְגְלִיק.

זָעהָער פַאלְשׁ הָאט סארא בֶּעשׁוּלְדִיגְט אִיר היראנימען אַז עֶר אִיז אִיר פַאלְשׁ גִיוָועֶן. נֵיין! עֶר אִיז צוּא אִיר אִימֶער זָעהֶער גֶעטְרַייא אוּנ צוּגֶעבּוּנְדֶען גִיוָועֶן, אוּנ טַאקִי נָאר דֶער פַאר וָואס עֶר הָאט אוֹיף אִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט זִיא זָאל נָאך דֶער חֲתוּנָה מִיט אִים קַיינֶע צָרוֹת הָאבִּין אוּנ מַאנְגֶעל לַיידֶען, נוּר דֶער פַאר הָאט עֶר זִיךְ פוּן אִיר עֶנְטְזַאגְט. עֶר וַואר אָבֶּער פֶעסְט בֶּעשְׁלָאסִין אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִין קִיעוו אַגוּטֶע שְׁטֶעלֶע בֶּעקוּמֶען דוּרְךְ וֶועלְכֶע עֶר וֶועט קָאנֶען הָאבִּין זַיין הוֹצָאָה בְּשׁוּפֶע זָאל עֶר בַּאלְד זַיין סאראן אוֹיךְ צוּא זִיךְ נֶעהמֶען אוּנ זָאל מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבִּין.

לַיידֶער הָאט זִיךְ אִים אָבֶּער אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער צַייט קַיין שְׁטֶעלֶע גֶעמַאכְט אוּנ הָאט גָאר קַיין אוֹיסְזִיכְט גֶעהַאט אַזַא שְׁטֶעלֶע צוּא בֶּעקוּמֶען. עֶרְשְׁט אִין אַפָּאר מָאנְהַייט אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ צוּפֶאלִיגֶער וַוייזֶע בַּאגֶעגִינְט מִיט אַיין אדעסער גְבִיר וֶועלְכֶער וַואר אַבֶּעשְׁטֶענְדִיגֶער קוּנְד אִין דֶער קְרָאם וואו עֶר הָאט גֶעדִינְט, דֶער גְבִיר הָאט היראנימען שְׁטֶענְדִיג לִיבּ גִיהַאט פַאר זַיין פְלַייסִיגְקַייט אוּנ לָאוּוקָאסְט. יֶעצְט אַלְס עֶר הָאט אִים אִין אַזַא שְׁלֶעכְטֶע לַאגֶע גֶעטְרָאפִין הָאט עֶר אִים פַארְשְׁפְּרָאכִין אַז עֶר וֶועט פוּן זַיינְמְווֶעגִין זוּכֶען דָא אַשְׁטֶעלֶע צְווִישֶׁען זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע סוֹחֲרִים. דֶערְוַוייל הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעלִיעֶן שֵׁיינֶע עֶטְלִיכֶע רוּבֶּעל עֶר זָאל דָא קַיין הוּנְגֶער אוּנ קַיין מַאנְגֶעל לַיידֶען.

דֶער גוּטֶער גְבִיר הָאט גֶעהַאלְטִין וָוארְט. עֶר הָאט אַלֶע קְרֶעפְטֶע אָנְגֶעוֶוענְדֶעט פַאר היראנימען אַשְׁטֶעלֶע צוּא בֶּעקוּמֶען, אוּנ אִים הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעלוּנְגֶען דָאס אוּים צוּפִירֶען פִיל בֶּעסֶער אַלְס עֶר הָאט גֶעוואוּנְשִׁין, עֶר הָאט אִים פֶערְשַׁאפְט אַשְׁטֶעלֶע בַּייא אקיעווער מִילְיָאנֶער אִין אַצוּקֶער זַאוָואד אוּנ מִיא הָאט היראנימען בַּאלְד בֶּעשְׁטִימְט אַגֶעהַאלְט פוּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג רוּבֶּעל מָאנַאטְלִיךְ.

יֶעצְט אִיז אוּנְזֶער היראנים אִין זִיבֶּעטִין הִימֶעל אַרוֹיף אוּנ

דער פריערדיגער בעשלוס ער זאל מיט סאראן הייראטען האט זיך נאך ביי אים יעצט פערשטארקט, ביי אים איז געבליבען ער זאל זיך דערוויייל איינארדנען מיט אשיינער דירה אונ אלע הויז געשיר וואס אבעל הבתישקייט פאדערט, אונ זאל נאכהער אהער ברייגגען סאראן אויף אלעם פערטיגען. ער האט פון זיין נייער שטעלע אפילו זיינע עלטערין ניט געשריבען אום סארא זאל דאפאן ניט ערפאהרען, ווייל ער האט איר געוואלט מאכין אסיורפריז.

וויא גליקליך ער האט זיך געפיהלט אלס ער האט זיך פארגעשטעלט וויא זיין ליבע סארא וועט איבערראשט ווערין אלס זיא וועט קומען אהער אונ וועט אים אין אזא גלאנצענדע לאגע טרעפין. ער האט זיך בעשלאסען ער זאל סאראן ביז זיא וועט קומען אהער ניט ערצעהלען אז ער האט אזא שטעלע אונ ער האט פארפערטיגט אגאנצע בעל הבתישקייט. ער האט גוט געוואוסט אז זיא האט ניט זיין רעכנונג, אונ זיא וועט זיך געוויס בעשליסען מיט אים חתונה צוא האבין ווען זיא זאל אפילו וויסען אז זיא וועט נאך דער חתונה הונגער ליידין, דארום איז ביי אים געבליבען ער זאל אריין פארין אין אדעסע אונ זאל ערצעהלען סאראן אז ער האט אשטעלע בעקומען אויף פינף אונ צוואנציג רובעל אמאנאהייט אונ דאך וויל ער מיט איר הייראטען וויא זיא שטעהט אונ געהט. זיא וועט דאך געוויס קיין צווייא ווערטער איבער ריידין אונ וועט מיט אים חתונה האבין. נאכהער וועט ער זיא נעמען אהער, אונ אז זיא וועט אריינקומען אין זיין וואהנונג...

אגליקליכער שמייכעל איז איבער זיינע ליפען דורכגעפלייגין אלס ער האט זיך פארגעשטעלט וויא איבעראשט זיא וועט ווערין הערא־יינקומענד אין זיין וואהנונג אונ זיא וועט ערפאהרען אז דאס איז אלין איהרס אונ ער איר געטרייער מאן האט אזא טייערע שטעלע ער בעקומט הונדערט פופציג רובעל מאנאטליך.

יא דאס איז גיוועזן זעהער אזיסע גליקליכע פארשטעלונג, דאס האט אבער ניט לאנג גיווערט, דען איין מאל אלס ער איז שפעט ביי נאכט פון קאנטאר אין זיין קוואַרטיר געקומען האט ער

גֶעפוּנֶען אַבְּרִיף אוֹיפִין טִישׁ , אוּנ וִויא אִיבֶּערְרַאשְׁט עֶר אִיז גֶעוָואְרִין אַלְס עֶר הָאט עֶרְקָאנְט אוֹיף דָעם קָאנְוָוערְט סאראס הַאנְדְשְׁרִיפְט .

עֶר הָאט מִיט צִיטֶערֶענְדֶע הֶענְד דֶעם בְּרִיף גִיעָפִינְט , הָאט אִים גִילֶעזִין אוּנ אִים אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָואְרִין אִין דִיא אוֹיגִין . עֶס הָאט אוֹיסְגִיזֶעהֶען וִויא אַשְׁטוּרֶעם הָאט אוּנֶערְוַוארְטֶעט אַבְּלָאז גֶעטָאן אוּנ הָאט אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶאסֶער צֶערְבְּרָאכִין אוּנ צֶערְטְרִימֶערְט . עֶר הָאט גָאר אַזַא קְלַאפּ נִיט עֶרְוַוארְטֶעט אוּנ קְרַאפְּטְלָאז אִיז עֶר גֶעפַאלֶען אוֹיף אַשְׁטוּל אוּנ הָאט זִיךְ פֶערְזוּנְקֶען אִין פִינְסְטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען .

עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר פוּן זַיין אָרְט אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ הָאט אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאן : נַיין ! אִיךְ וֶועל דָאס נִיט דֶערְלָאזִין , מַיין סארא זָאל אַרַיין פַאלִין אִין אַנְדֶערֶע הֶענְד , אוּנ נָאךְ צוּא וֶועמֶען צוּא אַזַא שְׁלִימְמַזָלְדִיגֶען חָתָן , דָאס קָאן נִיט זַיין אוּנ וֶועט נִיט זַיין .

עֶר הָאט שׁוין דִיא גַאנְצֶע נַאכְט נִיט גֶעשְׁלָאפִין , עֶר הָאט זָאנַאר אוֹיף זַיין בֶּעט נִיט גֶעקָאנְט אַיינְלִיגֶען , אוּנ אִיז וִויא אַפֶערְסַמְטֶע מוֹיז אַרוּמְגֶעלָאפִין אִיבֶּער זַיין שְׁלָאפְצִימֶער , אַלֶע מֶעבֶּעל אוּנ כֵּלִים וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט מִיט וֶועלְכֶע עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹא גֶעפְרֵייט הָאבִּין אִים יֶעצְט גֶעשְׁטָאכִין אִין דִיא אוֹיגִין , אוּנ עֶר אִיז פַארְטִיג גִיוֶוען זַייא אִין שְׁטִיקְלַאךְ צוּא צֶערְבְּרֶעכִין .

עֶר הָאט קוֹים דֶערְלֶעבְּט טָאג אוּנ אִיז נִיט אַיינְגֶעוַואשִׁין נִיט אָבְּגֶעפוּטְצְט גֶעלָאפִין צוּם דִירֶעקְטָאר פוּנֶם זַאוָואד בֶּעטִין בַּייא אִים עֶרְלוֹיבְּנִיס פָארִין אוֹיף אַכְט טָאג נָאךְ אדעססע .

דֶער דִירֶעקְטָאר אִיז עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארִין אַלְס עֶר הָאט פְּלוּצְלוּנְג דֶעם קְרַאנְט פַאר זִיךְ דֶער זֶעהֶען אִין אַזַא אוּנְאָרְדְנוּנְג , אוּנ אַלְס היראנים הָאט בַּייא אִים גִיבֶּעטִין דָאס עֶרְלוֹיבְּנִיס צוּא פָאהרֶען נָאךְ אדעססע , הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אַשְׁלֶעכְטֶע נַאכְרִיכְט גֶעהַאט פוּן דֶער הֵיים .

הָאט זִיךְ אַייךְ עֶפֶּעס אַיין אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפִין הֶער פליט ? — הָאט אִים דֶער גוּטֶער דִירֶעקְטָאר מִיט רַחֲמָנוֹת גִיפְרֶעגְט .

דָאס גְרֶעסְטֶע אוּנְגְלִיק וָואס קָאן נָאר גֶעבִּין — הָאט היראנים מִיט טְרָאהֶענְדֶע אוֹיגִין גִיעֶנְטְפֶערְט — אוּנ אִיךְ בֶּעט אַייךְ הָערְר

דִירֶעקְטָאר הַאלְטַ מִיךְ נִיט אוֹיף דֶען יֶעדֶע מִינוּט אִיז צוּא פִיל ·

אִיר קָאנְט פָאהרֶען — הָאט דֶער דִירֶעקְטָאר גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ וִוינְטְשׁ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר אִין גִיבֶען דִיא נַאכְרִיכְט בְּרֵיינְגֶען אַז דָאס אוּנְגְלִיק אִיז פָארְאִיבֶּער , אוֹיבּ עֶס אִיז נוּר מֶעגְלִיךְ, עֶס זָאל פָארְאִיבֶּער ·

עֶס אִיז נָאךְ דָא אַקְלֵיינֶע הָאפְנוּנְג ·

נוּא פָאהרְט זְשֶׁע גֶעזוּנְדֶערְהֵייט אוּנ זַייט מַצְלִיחַ · אִיר קָאנְט פָארִין מִיט מַיינֶע פֶערְד צוּם וָואקְזַאל ·

הירַאנִים אִיז גֶעשְׁוִוינְד גֶעלָאפִין אַהֵיים הָאט גֶעחַאפְּט אַפָּאר בְּגָדִים אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעפְלוֹיגִין מִיט דֶעם דִירֶעקְטָארְט פֶערְד צוּם וָואקְזַאל ·

## ה׳·

### צוּ שְׁפֶּעט ·

קֵיין יוּד זָאל נִיט גֶעפְּרוּפְט וֶוערִין צוּ אַזַא שְׁוֶוער הַארְץ מִיט וֶועלְכֶער הירַאנִים אִיז יֶעצְט גֶעפָאהרֶען אַהֵיים , עֶפֶּעס הָאט פַאר אִיהם יֶעצְט כארא זִיךְ אָבְּגֶעמָאהלְט טוֹיזֶענְד מָאחל שֶׁענֶער אוּנ רֵייצֶענְדֶער אַלְם זִיא וַואר פְרִיהֶער , אִיהרֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער הָאבִּין אִיהם וִויא שֵׁיינֶע מוּזִיק אִין דִיא אָהרֶען גֶעקְלוּנְגֶען אוּנ אַז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמָאהנְט אַז זִיא אִיז אַכַּלָּה פַאר אַנְ׳אַנְדֶערִין , אוּנ זִיא וֶועט בַּאלְד מִיט אִיהם חֲתוּנָה הָאבִּין אִיז עֶר גְרֵייט גִיוֶוען אַרוֹיס צוּשְׁפְּרִינְגֶען פוּן וַואגָאן גֶעטָאדְט צוּ וֶוערִין אוּם אֵיין מָאהל בֶּעפְרַייעֶט צוּ וֶוערִין פוּן דֶעם לֶעבֶּען וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ פָארְ-גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִיהם בִּיטֶער וִויא גַאל אָהן זַיין טְהַייעֶרֶער לִיבֶּער כאראן , נָאר דָאךְ הָאט זִיךְ דִיא גַאנְצֶע הָאפְנוּנְג אִין אִיהם נִיט פֶערְלָאשִׁין עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז עֶר וֶועט זִיא נָאךְ טְרֶעפִין אוּנְפַארְהֵייַראטְהֶעט , אוּנ עֶר וֶועט זִיא אַרוֹיסְרַייסִין פוּן קִישְׁקֶעס הֶענְד ·

אִיהם הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהֶען אַז דֶער פָאיֶעזְד שְׁלֶעפְּט זִיךְ זֶעהֶער לַאנְגְזַאם , יֶעדֶע שְׁטוּנְדֶע הָאט זִיךְ אִין זַיינֶע אוֹיגֶען וִויא אַטָאג אוֹיסְגֶעצֵייגֶען , עֶר וָואלְט דוּכְט זִיךְ אַהַאלְבּ לֶעבֶּען אָבְּגֶעגֶעבֶּען

וָוען מִיא זָאל אִיהם מִיט אַיין שְׁוואוּנְג בְּרַיינְגֶען אַהִין צוּ זַיין גֶעלִיעבְּטֶער טְהַייֶערֶער סאראן ·

וָואס נֶעהְנְטֶער עֶר אִיז צוּגֶעפָאהְרֶען צוּ אדעססע הָאט אִין אִיהם אַלְץ מֶעהר דָאס הֶערְץ גֶעצִיטֶערְט, אַלְלֶע גְלִיעדֶער הָאבִּין אִין אִיהם גֶעטְרֶעסְסֶעט בַּייא דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען גֶעדַאנְק פִילַייכְט.... פִיעלִייכְט אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, פִיעלַייכְט אִיז שׁוֹין אַלְלֶעס פֶערְפַאלֶען.

גָאט הָאט גֶעהָאלְפֶען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אִין אדעססע, קוּמֶענְדִיג אוֹיף דֶעם אדעססער וַואקְזַאל הָאט עֶר זִיךְ קַיין רַאטְה גֶעקֶענְט גֶעבִּין וָואס עֶר זָאל טָאהן, צוּ עֶר זָאל פוּן דַאנֶען גְלַייךְ פָאהרִין צוּ זיססקינדס קְוַוארְטִיר, אָדֶער עֶר זָאל פְּרִיהֶער אַרַיינְפָאהרִין צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערִין ·

נָאךְ אַקוּרְצֶעס נַאכְדֶענְקֶען אִיז בַּייא אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען עֶר זָאל פְּרִיהֶער אַרַיינְפָאהרִין צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערִין, דֶען אַז עֶר וֶועט פְּלוּצְלוּנְג אִין דִיא רַייזֶע קְלֵיידֶער אַרַיינְפָאהרִין צוּ סאראן וֶועט דָאס אַלְלֶעמֶען אוֹיפְפַאלְלֶענְד וֶוערִין, אוּנ וֶוער וַוייס וָואס פוּן דֶעם קָאן נָאךְ וֶוערִין, עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָאחרִין צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערִין אִין זֵייעֶר אָרֶם וָואהנוּנְג, אוּנ וִויא עֶר פְרֵייֶעט עֶר אִיז גֶעוָוארִין אַלְס עֶר הָאט דָא גֶעטְרָאפֶען זַיינֶעם אַגוּטֶען קָאמֶערַאד וֶועלְכֶער הָאט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גֶעהֵיימֶער לִיעבֶּע צוּ סאראן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דוּרְךְ דֶעם קָאמֶערַאד וֶועט עֶר אַלְלֶעס רִיכְטִיג עֶרְפַאהרֶען וָואס נוּר עֶר בַּאדַארְף וִויסֶען ·

דִיא עֶלְטֶערִין הָאבִּין אִיהם מִיט דֶער וַוארִימְסְטֶער לִיעבֶּע עֶמְפְּפַאנְגֶען, עֶר הָאט זֵייא אָבֶּער כִּמְעַט גָאר נִיט גֶעוָואלְט עֶנְטְ־פֶערִין, עֶר הָאט זֵייא גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען וֶועגֶען זֶעהֶער אַוִויכְטִיג גֶעשֶׁעפְט וֶועגֶען וֶועלְכֶען עֶר מוּז שׁוֹין אַוֶועקְ־גֶעהֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁוִוינְד אַיינְגֶעוַואשֶׁען, פַיין אָנְגֶעקְלֵיידְט וִויא זַיין גֶעוָואהנְהַייט וַואר, אוּנ הָאט אַוועקְגֶערוּפֶען זַיין קָאמֶערַאד עֶר זָאל מִיט אִיהם צוּזַאמֶען גֶעהֶען ·

זֶעהְסְט נָאר אַזוֹי וִויא דָאס הַארְץ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל יֶעצְט אַרַיינְגֶעהְן צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערִין פְרֶעגִין וָואס הֶערְט זִיךְ פוּן דִיר — הָאט דֶער גוּטֶער פְרַיינְד גֶעזָאגְט אַלְס זֵייא זַיינֶען אַרוֹיס־

געגאנגען אויף דער גאס — גראדע וויא איך רייד מיט זייא קומסט דוא אן:

זאג מיר נאר מאקס דוא זעהסט זיך אמאהל מיט מיין סאראן — האט איהם היראנים געפרעגט.

דיין סארא? — האט מאקס געלאכט — דוא רעכינסט זיא נאך פאר דייגע?

כל זמן זיא האט קיין חתונה געהאט איז זיא מיינע.

יא כל זמן זיא האט קיין חתונה געהאט — האט מאקס שמייכלענד גיענטפערט — וויא איז אבער דער דין אז זיא האט שוין חתונה געהאט?

וואס? — האט היראנים אגעשריא געטאהן שטעהענ־בלייבענד אין מיטען גאס, אונ איז בלאס געווארין וויא דער טויט — ווער זאגסטו האט חתונה געהאט?

דוא רעדסט דאך וועגען סארא קלאפמאן.

סארא האט חתונה געהאט? — האט היראנים ערציטערט איבערגעפרעגט.

יא איהר קומט אשיינעם מזל טוב פון איהר חתונה.

דוא מאכסט ניט חוזיק?

וואס ח'זיק? ווער מאכט חוזיק נעה אריין יעצט צו איהר פאטער וועסטו נאך טרעפין דיא גאנצע חתונה ווייל היינט האט באדארפט זיין דיא חופה.

היינט דיא חופה?

יא היינט, נאר איך פערשטעה ניט וואס וואונדערסטו זיך אזוי, דוא האסט דען ביז איצט ניט געוואוסט אז זיא איז אכלה.

יא... אז זיא איז אכלה האב איך געוואוסט נאר אז זיא וועט אזוי גיך חתונה האבין איז מיר גאר אין קאפף ניט איינגעפאלען — האט היראנים גיענטפערט אונ האט זיך צוגעשפארט צו אבאלקאן פון אחויז ווייל ער האט געפיהלט אז דיא פיס בייגין זיך אונטער איהם:

זאג מיר נאר מאקס דוא ווייסט געוויס אז היינט האט זיא

חַתוּנָה גֶעהַאט ? — הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט נָאךְ אַלַאנְגֶעס נַאכְדֶענְקֶען •

וָואס פְרֶעגְסְטוּ אַזֶעלְכֶע נַארֶעשְׁקַייט צוּ אִיךְ וַויים גֶעוִויס — הָאט שׁוֹין מאקס מִיט כַּעס גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶפֶּעס בִּין אִיךְ דָאךְ נִיט קַיין קִינְד , אַז אִיךְ זָאג רֵייד אִיךְ נִיט פוּן דֶער פוּסְטֶער פַּאס , אִיךְ בִּין הַיינְט אִין דֶער פְרִיה גִיוֶועז אִין בַּאנְק אוּנ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפֶען זיססקינדן מִיט זַיין מְחוּתָּן , זיססקינד הָאט דָארְט אַיינְגֶעלֵייגְט דְרַייא טוֹיזֶענְד רוּבֶּעל וָואס עֶר גִיט סאראן נַדָן טַאקֶע אוֹיף אִיהר נָאמֶען , אוּנ אַלְס אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעפְרֶעגְט וֶוען עֶס וֶועט זַיין בַּייא זַיין טָאכְטֶער חֲתוּנָה הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט : הַיינְט פִינְף דֶעם זֵייגֶער נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג וֶועט זַיין דִיא חוּפָּה •

אוּנ יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַכְט — הָאט הירא‍נים פֶערְצְוַוייפֶעלְט אַנְגֶעשְׁרַייא גֶעטָאן •

אָבֶּער זָאג מִיר הירא‍נים וָואס טוּהְט זִיךְ דָא מִיט דִיר — הָאט מאקס גֶעפְרֶעגְט — אִיךְ וַויים אַז דוּא הָאסְט זִיךְ אַלֵיין פוּן סאראן עֶנְטְזַאגְט , אוּנ אִיצְט זֶעה אִיךְ אַז דוּא בִּיזְט אוֹיס מֶענְטְשׁ דֶערְפוּן וָואס זִיא הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט •

אָ אִיךְ הָאבּ גֶעטָאהן וִויא אַפְּלוּט , וִויא אַוַואהנְזִינִיגֶער — הָאט הירא‍נים וַויינֶענְד גֶעזָאגְט — אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיין דָאס לֶעבֶּען אוֹיף עֶוִויג פֶערְבִּיטֶערְט , נָאר שַׁא ! — הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג אַנְגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן עֶרְגְרֵייפֶענְד מאקסן פַאר דֶער הַאנְד מִיר אִיז עֶפֶּעס אַיינְגֶעפַאלֶען , מאקס ! לִיעבֶּער מאקס ! טוּה מִיר אַגִיפֶעלִיגְקַייט אִיךְ וֶועל דָאס דִיר קַיין מָאהל אִין לֶעבֶּען פֶערְגֶעסֶען •

זָאג וָואס פֶערְלַאנְגְסְטוּ •

אִיךְ וַויים אַז דָא אִיז גִיוֶוען דִיא חֲתוּנָה נִיט פָּא זַאקָאנוּ , דֶען דֶער חָתָן אִיז סַךְ הַכֹּל אַלְט זֶעכְצֶעהֶען יָאהר , אוּנ אַזֶעלְכֶע זֶעכְצֶעהְנְיָאהְרִיגֶעס יוּנְגֶעל טָאהר קַיין חֲתוּנָה הָאבִּין , אוּנ אוֹיף אַזַא חֲתוּנָה הָאט דֶער רַאבִּינֶער גֶעוִויס קַיין קְוִויטֶעל אוֹיךְ נִיט אַרוֹיסְגֶעגֶעבֶּען , הָאט מֶען דָא גֶעמוּזְט מַאכֶען אַחֲתוּנָּה בִּגְנֵיבָה , אַלְזָא זַייא אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ לוֹיף אַרַיין דָאס מֶעלְדֶען דֶעם פְּרִיסְטַאוו פוּן דֶעם קְוַוארְטֶעל וואו זיססקינד וָואהְנְט , זָאל עֶר דֶערְחַאפִּין דִיא גְנֵיבָה •

וָואס רֶעדְסְטוּ מְשׁוּגֶענֶער דוּא וִוילְסְט סאראן אוּנְגְלִיקְלִיךְ מַאכִין •

אין געגענטהייל איך וויל זיא פון אונגליק פערהיטען, נוא געה זשע שוין, נאר ווארט דוא וועסט אריינגעהען מיט אהאלבע שטונדע שפעטער, דען איך באדארף נאך אריינגעהען צו דעם היגען ראבינער. — וואס וועסט דוא טאהן ביא דעם ראבינער?

דאס וועסטו שפעטער וויסען, הכלל זאגסטו מיר צו אז דוא וועסט אריינגעהן צו דעם פריסטאוו? אונ ניט אבטרעטען ביז ער וועט אריינגעהן צו זיסקינדן נאך היינט.

איך וועל שוין געהן דוא קאנסט זיכער זיין אז איך וועל איהם שוין אין אשעה ארום ברייננגען פאר אמחותן אויף דער חתונה — האט מאקס גיענטפערט.

הירשאנים איז געשווינד אוועקגעלאפין צום ראבינער, אונ מאקס איז זיך לאנגזאם אוועקגעגאנגען צום פריסטאוו.

### ו.

### דער פערביטענער חתן.

וואס טוהט ניט אפרומער יוד צוליעב דעם נחת וואס ער האט טאנצענדיג ביא זיין קינד אויף דער חתונה, ער גיט אוועק דאס לעצטע וואס ער האט, ער ווערט אבעל חוב ער שטעלט מאנכעס מאהל איין דאס לעבען אבי פיהרען זיין קינד צו דער חופה, אין דיא ליטווישע אונ פאלנישע קליינע שטעטליך דער־ציילין זיך נאך דיא פרומע יודען אונ יודענעם מעשיות פון דער גליקליכער גאלדענער צייט וואס יעדער טאטע האט געמאגט חתונה מאכען זיין קינד צו צוועלף דרייצעהן יאהר, אונ היינט אז בעוה"ר האט מען דאס פערגעניגען פון דיא יודען גערויבט, גיבין זיך דאך פיעל יודעליך עצות, מיא מאכט פערשידענע פאקוסען אבי חתונה מאכין זייערע קינדער יונג מיא זאל שוין דערלעבען דאס נחת טאנצען אקאזאק אויף זייערע חתונות.

אונזערע מחותנים רבי זיסקינד קלאפמאן, אונ שמערקע קישקע האבין נאך גוט געדיינקט דיא זיסע צייט ווען עלטערין פלעגין קינדער יונג חתונה מאכען, אונ דארום האבין זייא זיך ביידע געמאכט כאילו לא ידעו וואס דער חתן איז סך הכל אלט

וָועכְצָעהן יָאהר, אוּנ הָאבִּין זִיךְ גְעמַאכְט דִיא חתונה מִיט פְרֵיילִיכָע הֶערְצָער, אִין ציבולניק הָאט מַאן אֲפִילוּ גֶעוואוּסְט אַז מִיא בַּאדַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן רַאבִּינֶער אַצֶעטִיל אַז דֶער חָתָן מָאג חתונה הָאבִּין, נוּר אַזוֹ וִויא אִין ציבולניק אִיז קֵיין רַאבִּינֶער גִיוֶועןְ הָאט מֶען זִיךְ עֵצוֹת גִיגֶעבִּין אַז אַזוֹ זָאל אוֹיךְ רֶעכְט זַיין, אִין אַדֶעסְסָע הָאט זִיךְ זיסקינד אוֹיךְ גִימַאכְט נִיט וִויסֶענְדִיג, אוּנ הָאט דִיא חוּפָּה גִישְׁטֶעלְט בַּייא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ פַאר אַחֶבְרָה חֲסִידִים וָואס זַיינֶען גָאר קֵיין מַקְפִּידִים גִיוֶועןְ וֶועגֶען דֶעם צוּ דֶער חָתָן מָאג חתונה הָאבִּין צוּ נִיט, אוּנ אַזוֹא אִיז זִיךְ דִיא חוּפָּה גִישְׁטֶעלְט גֶעוָוארִין דֶער חתן הָאט מְקַדֵשׁ גִיוֶועןְ דִיא כלה אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מזל טוב אוּנ הָאט זִיךְ צוּ גֶעמַאפְּט צוּ דִיא גוּטֶע זַאכֶען.

אוּנְזֶער כלה שׂרהל׳ע אָדֶער סַארַא אִיז גֶענַאנְגֶען צוּא דֶער חוּפָּה וִויא אֵיינֶער גֶעהְט צוּם עֶשַׁאפָּאט, זִיא הָאט גֶענוּג טְרֶערִין פֶערְגָאסִין אַלְס זִיא הָאט דֶעם חתן דֶער זֶעהֶן, דָאס וַואר אַחֲסִידֶעשֶׁער יוּנְגֶעל מִיט אַלֶע פִּיפְּטְשִׁיקְלִיךְ מִיט דֶעם דַאר פֶּנִימֶעל, מִיט דִיא לַאנְגֶע פֵּאה׳קֶעלַאךְ, אוּנ מִיט אַלֶע חֲסִידֶעשֶׁע תְּנוּאוֹת, נָאר דִיא אַלֶע וַוייבֶּער וָואס וַוארֶען דָא אוֹיף דֶער חתונה הָאבִּין גִירֶעכִינְט אַז זִיא וֵויינְט פָּשׁוּט וַוייל אַכַּלָה בַּאדַארְף וֵויינֶען פַאר דֶער חוּפָּה, קֵיינֶער הָאט נִיט בֶּעמֶערְקְט אַז דָאס זַיינֶען גִיוֶועןְ בְּלוּטִיגֶע טְרֶערִין, אַז בַּייא אִיהר אִיז יֶעצְט אַהֶערְץ פָאל מִיט וואוּנְדֶען, זִיא אִיז גֶעהֶענְדִיג פוּן דֶער חוּפָּה אַפָּאר מָאל אִין אוּנְמַאכְט גֶעפַאלִין אוּנ דֶער עוֹלָם הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז פוּן שְׁוַואכְקֵייט וַוייל זִיא הָאט דֶעם טָאג גֶעפַאסְט.

זִיא אִיז גִיזֶעסִין צְוִוישֶׁען אַקָאמְפַּאנִיֶע וַוייבֶּער גֶעגֶען אַרַייכְגֶעדֶעקְטֶען טִישׁ, דִיא כלי זמר הָאבִּין לוּסְטִיג גֶעשְׁפִּילְט אוּנ דִיא חֲסִידִים הָאבִּין פַארְקַאטְשֶׁעט דִיא פָּאלֶעס אוּנ זַיינֶען גִישְׁפְּרוּנְגֶען וִויא דִיא צִיגֶען, זִיא הָאט גָאר נִיט בֶּעמֶערְקְט וִויא דִיא טִיהר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט אוּנ אִיהר גֶעלִיבְּטֶער הִירַאנוּם אִיז שְׁטִיל אַרַיין גִיקוּמֶען, אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אִין אַוִוינְקֶעל:

עֶר הָאט אזוי גֶעוִויזֶען מֶעהר טוֹיט אַלְס לֶעבֶּענְדִיג, עֶר הָאט

פוּן וַוייטָען גִיזֶעהֶען זַיין סַארַאן פֶערְדֶעקְט מִיט אַזֵיידֶענֶעם דֶעקְטוּךְ, עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט וִויא זִיא וִוישְׁט אַלֶע וַוייְלֶע דִיא אוֹיגִין, אוּנ עֶר הָאט גוּט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דִיא טְרֶערִין בַּאדַייטֶען, עֶר הָאט גִיזֶעהֶען דֶעם חתן וֶועלְכֶען דִיא חֲסִידִים הָאבִּין אַלֶע וַוייְלֶע גִישְׁלֶעפְּט טַאנְצֶען, אוּנ וִויא אַפַּייֶער הָאט זִיךְ אִין אִיהם זַיין כַּעַס אָן גִיצוּנְדֶען אוֹיף רבי זיסקינדן וָואס עֶר הָאט זַיין שַׁיינֶער טָאכְטֶער פַאר אַזַא שְׁלִימְמַזֵל אָבּ גִיגֶעבִּין ׃

פְלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארִין אַשְׁטִיקֶעל סוּמַאטָאכֶע צְוִוישֶׁען עוֹלָם, דֶען ציפקה אִיז צוּ גֶעלָאפִין צוּ דֶעם מַאן אוּנ הָאט אִיהם אַיינְגֶערוּימְט אַסוֹד אַז דֶער פְּרִיסְטַאוו אִיז דָא, עֶרְשְׁט יֶעצְט הָאט זִיךְ דֶער פְרֵיילִיכֶער מְחוּתָּן דֶער מָאנְט אַז דִיא חתונה אִיז גִיוֶוען שלא כדין, אוּנ הָאט גִיפְרֶעגְט שְׁמערקע קישקע צוּ הָאט עֶר אַצֶעטִיל פוּנִם רַאבִּינֶער, אוּנ אַלְם שְׁמערקע הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִיט אִיז עֶר טוֹיט גֶעוָוארִין וִויא אַלֶע טוֹיטֶע, אוּנ פֶערְבְּרֶעכֶענְד דִיא הֶענְד הָאט עֶר אַגֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן ׃ וֶועה אִיז אִיז מִיר! מִיר זַיינֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ, ציפה! לוֹיף גִיכֶער גִיבּ דֶעם פָּרִיץ עֶטְלִיכֶע רו"כ אוּנ שִׁיק אִיהם אָבּ לעזאזל ׃

ציפה אִיז אַרַיין גֶעלָאפִין אִין דֶעם צִימֶער וִויא דֶער פְּרִיסְטַאוו אִיז גִיזֶעסִין, זִיא אִיז אָבֶער בַּאלְד אַרַיין גֶעלָאפִין צוּ רִיק אוּנ הָאט גֶעזָאגְט דֶעם מַאן אַז דֶער פָּרִיץ וִויל קֵיין גֶעלְד נִיט נֶעמֶען עֶר וִויל נָאר מִיא זָאל אִיהם בַּאוַוייזֶען דֶעם החתן ׃

אַמַסִירָה! אַמַסִירָה! — הָאט זיסקינד פֶערְצְוַוייפֶעלְט גֶעזָאגְט — שְׁלֶעכְט מִיט אוּנְז אִיז בִּיטֶער ׃

שַׁאט! וָואס הָאט אִיהר אַזוֹ מוֹרָא? — הָאט זִיךְ פְלוּצְלוּנְג הִירַאנִים אַרַיין גֶעמִישְׁט צוּא גֶעהֶענְד צוּ דִיא פֶערְצְוַוייפֶעלְטֶע מְחוּתָּנִים — אִיךְ וֶועל אַייךְ בַּאלְד אַזַא עֵצָה גֶעבִּין וָואס דֶער פְּרִיסְטַאוו וֶועט אַוֶועק גֵיין מִיט אַלַאנְגֶער נָאז ׃

אִי לֶעבֶּען זָאלְט אִיהר — הָאט זיסקינד גֶעזָאגְט אוּנ דִיא צֵיין הָאבִּין אִיהם אִין מוֹיל גֶעטְרֶעסֶעט פַאר שְׁרֶעק — גִיט עֶפֶּעס אַיין עֵצָה וָואס טוּט מַאן, מִיר קָאנֶען דָאךְ אַלֶע אִין סִיבִּיר אַוֶועק גֵיין ׃ — סִיבִּיר אִיז נָאךְ וֶועניג אִיהר קָאנְט אַוֶועק גֵיין

קאטערגא — האט היראנים געענטפערט.

גוואלד זאגט גיכער וואס זאל מאן דא טאן, — האט זיסקינד ווייענענד גיבעטין. — איך וועל אייך געבין גאר אפשוטע עצה זאגט איהם אז איך בין דער חתן — האט היראנים גיענטפערט — אונ אז ער וועט מיט מיר ריידין וועל איך שוין וויסען וואס איהם צוא ענטפערין.

אנייע הויט האט זיך אן געצויגין אויף אלע מחותנים, דיא עצה איז אלעמען שטארק גיפעלין, אונ זיסקינד האט פאר גדולה אזש געהאפט היראנימן קושען „איהר זענט אדכם!" האט ער פרייליך אגעשרייא געטאן אונ איך וועל אייך פאר דער עצה קיין מאל פאר געסין.

נוא זעטצט זשע מיך נעבען דער כלה — האט היראנים געזאגט — אונ אז ער וועט אהער אריין קומען זאלט איהר אים גלייך זאגין אז איך בין אייער טאכטערס חתן, אויב ער וועט ניט גלויבין זאלין דיא אלע מענטשען עדות זאגין אז זייא זיינען דער ביי גישטאנען וויא איך האב מקדש גיוועזן אייער טאכטער אונטער דער חופה. — אשאלה אביסעל צו מיר וועלין עדות זאגען? — האבין אלע גיענטפערט: — נוא געהט זעטצט זיך נעבען דער כלה — האט זיסקינד געזאגט.

סארא מיט דיא ווייבער וואס זיינען דא גיזעסין האבין כמעט גאר ניט געוואוסט וואס דא טוט זיך, סארא וואר אזוא פערזונקען אין אירע פינסטערע געדאנקען אז זיא האט גאר ניט גיהערט וואס מיא רעט צוא איר, אונ דיא אלע ווייבער זיינען גיוועזן שטארק פעראינטערעסירט אין דער מעשה וואס די מחותנת'טע מאדאם קושקע האט זייא דער צייילט, וואס מיט דעם חתן האט זיך איבער געטאן זייט ער איז געבארין געווארין, אונ ווען ניט דער רבי וואלט ער שוין לאנג גיוועהעטהעט אויבן אן אין גן עדן.

פלוצלונג האט סארא געפילט וויא יעמאנד האט זיך נעבען איהר ניזעצט, עפעס דיא בעוועגונג פון דעם נייעם מענטשען האט איהר ערשראקין, דער הוסט וואס האט זיך ניט ווילענדיג פון זיין האלז ארויס געשפארט האט אלע אירע גלידער ערציטערט,

זיא האט וויא דורך אצווּיבער זיך אויף געהויבי[illegible]ונ האט זיך געוואלט אומקוקען, אבער אין דער מינוט האט זיך דער מענטש אויך אויף געהויבין אונ האט איהר אשעפצע געטאן אין אהר: זיטין רוהיג מיין לעבען!

זיא האט זיך מיט אלע כחות אנגעשטרענגט איין צו האלטין דעם געשריי וואס האט זיך פון איר הערין געוואלט ארויסדראנגען, יעצט וואר שאן ביא איהר קיין צווייפעל, יעצט האט זיא זיכער געוואוסט אז דאס איז ער... אונ איז קראפטלאז צוריק געפאלין אויף איר פלאטץ, זיא איז צו טומילט, פערדולט געווארין, זיא האט גאר ניט גיקאנט פאר שטיין וואס דא טוט זיך, זיא האט אן געהויבין צו גלויבין אז דאס זעהט אונ הערט זיא אין חלום, דען וויא איז דאס מעגליך ער זאל זיין דא אין זאל זיצען פאר אלע אין דיא אויגין נעבען איהר. — דער וויל איז ארין גיגאנגען דער פריסטאוו מיט מאקסן, אלע מחותנים האבין אראפ געהאפט דיא היטלען, אונ אלס דער פריסטאוו האט גיפרעגט וואו איז דער חתן, האבין איהם אלע מיט איין מאל אנגעוויזען אויף היראנימ׳ן.

ביזט דוא דער חתן? — האט איהם דער פריסטאוו גיפרעגט.

יא — האט היראנים מיט קוראזש גיענטפערט.

דער פריסטאוו האט אקוק געטאן אמאל אויף היראנימן אונ אמאל אויף מאקסן וויא ער זאל פרעגין מאקסן וואס האסט דוא מיר ערצעהלט אזא ליגין, ער האט אבער באלד אקלער גיטאן פילייכט האט מאן דא דעם חתן אומגעביטען, אונ האט דארום ביא היראנימן געפאדערט דאס צעטיל פונם ראבינער.

היראנים האט קאלט בליטיג ארויס גינומען פון טאש אצעטיל אונ האט איהם געוויזין דעם פריסטאוו, וועלכער האט דורכלעזענד דאס צעטיל אקוועטש געטאן מיט דיא אקסלען.

מיין האר! — האט זיססקינד געזאגט צו געהענד צום פריסטאוו — וויא איך פערשטעה האט דיר אימעצער געמוזט דער ציילין עפעס אגאנצען ליגען וועגין מיין חתן. — יא מיא האט מיר ערציילט אז דיין חתן איז איונגער יונגעל פון זעכצען יאר.

וויא פיינסט דוא — האט היראנים געזאגט לאכענד — בין

איך טאקע ניט מעהר אלט וויא זעכצען יאר, מיין כלה וועט יעצט שטאלצירען וואס איהר חתן איז אזו יונג. — פערצייהעט מיינע העררן וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט — האט דער פריסטאוו געזאגט זיך ווענדענד צו אלעמען, איך בין ניט שולדיג מיא האט מיר אזוא ערציילט: — איך בין אויך ניט שולדיג — האט איהם מאקס אשעפצע גיטאן — מיא האט מיר אויך אזוא ערציילט:

דער פריסטאוו איז אוועק גיגאנגען.

יעצט איז ערסט געווארין שמחה וששון, דער עולם האט זיך שטארק צו לאכט מיא האט גינומען נאך אמאל צו ביסליך בראנדווין אונ פערבייסען. — נוא יונגער מאן! — האט זיסקינד געזאגט צו הירשמאן — איך מוז אייך זאגין אז איר זענט אחכם, איך וועל אייך דיא טובה קיין מאל ניט פערגעסין, קומט לאמיר נעמען עפעס אין מויל, איך וועל אייך שוין אזו גיך פון דאנענט ניט אוועק לאזין. — איך וועל אלץ איינס פון דאנען אזו גיך ניט אוועק גיין — האט הירשמן שמייכלענד גיענטפערט.

נוא קומט זשע לאמיר נעמען עפעס אין מויל — האט צו איהם זיסקינד געזאגט. — נאר הירשמן האט זיך פונם ארט ניט גערירט, אונ האט גיענטפערט קאלט: מיר ווילט זיך פון מיין כלה ניט אוועק גיין, הייסט דער לאנגען אהער וועל איך דא עסין.

נוא גענוג אייך חוזיק צו מאכין — האט זיסקינד לאכענד געזאגט — אהא איהר זענט חלעבין אנוטער ליץ.

וואסזליץ? איך פערשטעה אייך גאר ניט — האט הירשמן ערינסט גיענטפערט — איך מיין גאר אהן קאטאוועס, הייסט עפעס דערלאנגען אהער וועל איך עססען צוזאמען מיט מיין כלה.

חא חא חא! — האבין זיך אללע פונאיינאנדערגעלאכט — ער מאג חלעבין זיין אבדחן, ער קאן גוט חוזיק מאכען, אונ קאטאוועסלאך טרייבען.

אפינסטערער חלום אויף מיינע שונאים'ס קעפף! — האט הירשמן מיט זעהער אנ׳ערינסטע מינע געזאגט — איהר ווילט מיך איינשמועסין אז איך מאך חוזיק? ביין היינטיגע צייטען האט מען קיין חתונה ניט אויף קאטאוועס.

און בּייא דיא װָערְטָער הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק צוּגֶערוּקְט צוּ דֶער כַּלָה, און הָאט זִיא אַרוּמְגֶענוּמֶען.

דָאס הָאט שׁוֹין זיססקינדן פֶערְדְרָאסִין, „הֶערְט נוּר אוֹיס יוּנְגֶער מַאן“ הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ עֶרִינְסְט גֶעזָאגְט „אִיהר בַּאדַארְפְט װִיסֶען אַז בַּייא אוּנְז חֲסִידִים גֶעהֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען נִיט אָן, און אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט גוּטֶען גֶעהט אַװֶעק פוּן מַיין קְװַארְטִיר.

װָאס הַייסְט אַװֶעקְגֶעהֶען? אִיהר קָאנְט מִיר דְען זָאגֶען אַדִיעֶה צוּ אִיךְ זָאל זִיטְצֶען נֶעבֶּען מַיין כַּלָה, אַז אִיהר קָאנְט דָאס נִיט צוּזֶעהֶען קָאנְט אִיהר אַייךְ אַלְלֶע אַװֶעקְגֶעהְן, אוּנְד אִיךְ װֶעל בְּלַייבֶּען דָא. — גֶעהט אַװֶעק מִיט גוּטֶען זָאג אִיךְ אַייךְ! — הָאט שׁוֹין זיססקינד מִיט כַּעַס גֶעזָאגְט — בַּייא אוּנְז חֲסִידִים מַאכְט מֶען נִיט אַזֶעלְכֶע שְׁטוּקֶעס מִיט אַפְרֶעמְדֶער כַּלָה.

װָאס? אַפְרֶעמְדֶע כַּלָה זָאגְט אִיהר? — הָאט הירשאנים װִיא פֶערְװוּאוּנְדֶערְט גֶעפְרֶעגְט — דָאס אִיז נִיט מַיין כַּלָה? מאקס! גֶעה גֶעשְׁװִינְד בְּרֵיינְג אַהֶער צוּרִיק דֶעם פְּרִיסְטַאװ, זָאג אִיהם אַז אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶענַארְט אִיךְ װֶעל אִיהם אַלֵיין מוֹדֶה זַיין:

מאקס הָאט גֶעװָאלְט גֶעהֶען.

גַזְלָן װָאס װִילְט אִיהר טָאהן! — הָאט זיססקינד שׁוֹין מִיט אַװֵייכֶערִין טָאן גֶעזָאגְט — װָאס װִילְט אִיהר מִיךְ אוּנְגְלִיקְלִיךְ מַאכֶען.

פַאר װָאס זְשֶׁע װִילְט אִיהר בַּייא מִיר מַיין כַּלָה אָבְּ-נֶעהמֶען? — הָאט הירשאנים גִיפְרֶעגְט — אָט דִיא אַלֶע יוּדֶען הָאבִּין דָאךְ עֵדוּת גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין דֶער חָתָן, און זָאלִין זֵייא יֶעצְט זָאגֶען פֶערְקֶעהְרְט װֶעל אִיךְ זֵייא װַייזֶען װָאס פַאר פַאלְשׁ עֵדוּת קוּמְט.

דִיא אַלֶע חֲסִידִים װָאס הָאבִּין דָאס עֶרְהֶערְט זַיינֶען עֶרְ-צִיטֶערְט גֶעװָארִין, און הָאבִּין זִיךְ אֵיינְצִיג װַיים אַרוֹיסְגֶערוּקְט פוּן דֶער חֲתוּנָה. — זיססקינד אוֹיךְ זַיין מְחוּתָּן הָאבִּן שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז דֶער יוּנְגַאטְשׁ טְרַייבְּט קֵיין קַאטָאװֶעס נִיט, אַז זֵייא הָאבִּין זִיךְ אַגוּטֶען מַפְטִיר גֶעקוֹיפְט, נָאר זֵייא הָאבִּין גָאר נִישְׁט גֶעקָאנְט טאהן, דֶען קוֹים הָאבִּין זֵייא אַהֵייךְ װָארְט אוֹיסְגִירֶעדְט הָאט בַּאלְד הירשאנים גֶעהֵייסֶען מאקסן עֶר זָאל רוּפֶען דֶעם פְּרִיסְטַאװ.

הֶערְט נָאר אוֹיס — הָאט עֶנְדְלִיךְ הירשאנים גֶעזָאגְט — יֶעצְט

מוּז אִיךְ אֵייךְ דֶעם גַאנְצֶען אֶמֶת עֶרְצֶעהלֶען, אִיהר זָאלְט וִויסֶען אַז שׂרה אִיז מַיין כַּלָּה שׁוֹין פוּן אָנְדֶערְטְהַאלְבֶּען יָאהר, מִיר הָאבִּין שׁוֹין לַאנְג צְווִישֶׁען זִיךְ אָבְּגֶעמַאכְט מִיר זָאלִין חֲתוּנָה הָאבִּין, נָאר סארא הָאט מוֹרָא גֶעהַאט דָאס אָפְּפֶען מוֹדֶה צוּ זַיין אִיהר פָאטֶער, אוּנ גֶעגֶען אִיהר וִוילֶען אִיז זִיא צוּ דֶער חוּפָּה גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם יוּנְגֶעל, יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ עֶרְפַאהרֶען אַז זִיא הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבּ אִיךְ מִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען אִיהר מִיט אַייךְ אַלֶע יְסוּרִים אָנְטָאהן, דֶען אִיךְ וֶועל קֵיין מָאהל עֶרְלוֹיבֶּען אַז מַיין כַּלָּה זָאל גִיהֶערִין אַנ'אַנְדֶערִין אַצוּנְד גִיבּ אִיךְ אַייךְ דִיא בְּרֵירָה עֶנְטְוֶועדֶער דֶער חָתָן זָאל זִיא גֶטֶן, אוּם אִיךְ זָאל קָאנֶען מִיט אִיהר חֲתוּנָה הָאבִּין, אָדֶער אִיךְ עֶרְצֶעהל דֶעם פְּרִיסְטַאװ דִיא אֶמֶתֶא גֶעשִׁיכְטֶע אוּנ אִיהר וֶועט אַלֶע פֶערְשְׁוַוארְצְט וֶוערִין, מֵיינְט נִיט אַז אִיךְ בִּין אַשַׁארְלַאטַאן, אִיךְ בֶּעטְרֶעט אַגְרוֹיסֶע שְׁטֶעלֶע אוּנ נֶעהם 150 רוּבֶּל אַמָאנְהַייט.—אַזוֹי גָאר?—הָאט שׁמערקע קישקע זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶן—זִיא אִיז פוּן דִיא מֵיידֶעלַאךְ. וָואס מָארַאנְסִירֶען מִיט יוּנְגֶע דֵייטְשְׁלַאךְ, אוֹיבּ אַזוֹי וִויל אִיךְ זִיא נִיט קֶענֶען וֶוען מִיא זָאל מִיר אַפִילֶע שְׁטוּבּ מִיט גָאלְד אָנְשִׁיטֶען.

אוּנ דוּא יוּנְגַאטְשׁ וַוארְפְּסְט זִיךְ מִיט מַיין טָאכְטֶער?—הָאט זיסקינד זַיין לִיעבֶּען מְחוּתָּן גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיבּ אַזוֹי וִויל אִיךְ דִיךְ פַר קֵיין מְחוּתָּן נִיט, אוּנ דַיין סְמַארְקַאטֶען יוּנְגֶעל פַר קֵיין חָתָן נִיט.

* * *

מִיא הָאט זִיךְ גֶעזִיעדֶעלְט, גֶעקְרִיעגְט, טַאטֶעס מַאמֶעס זֵיידֶעס בָּאבֶּעס זַיינֶען גֶעפְלֵייגִין פוּן מוֹיל צוּ מוֹיל בִּיז דֶער רַב הָאט אָנְגֶעשְׁרִיעבֶּען 12 שׁוּרוֹת, אוּנ דֶער יוּנְגֶער קישקע הָאט גֶעגֶעט סאראן, אוּנ בַּאלְד נָאךְ דֶעם גֶט הָאט זִיא היראנים צוּגֶעחַאפְּט וִויא אַנ'אֶבֶן טוֹב אוּנ זֵייא הָאבִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט.

נָאר צוּ זֵייא לֶעבֶּען גְלִיקְלִיךְ צוּ נִיט? דָאס וֵויים אִיךְ בֶּנֶאֱמָנוּת נִיט אִיךְ וֵויים נָאר דָאס אַז דֶערְוַוייל הָאט דֶער יוּנְגֶער קישקע בֶּעקוּמֶען דֶעם נָאמֶען „בַּעל הַבַּיִתְל" אוּנ עֶר מוּז נֶעבַּאךְ טְרָאגִין אַטַלִית אוּמְזִיסְט אוּנ אוּמְנִישְׁט......